# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון י"ט


## זיבן יאר אינעם רוסישן תפיסה

איך וויל דא מיטיילן א מעשה וואס האט פאסירט אינעם בית המדרש פון אונזער געגענט.

מיין פאטער שליט"א דינט אלס רב אין איינע פון די בתי מדרשים אין שטאט, און אן אייניקל פון איינע פון זיינע מתפללים, איז ארעסטירט געווארן אין רוסלאנד צוליב הארבע עבירות פון שווערצן די גרעניצן. דער רוסישן געזעץ האט איהם דעריבער צוגעטיילט לאנגע יארן אין תפיסה אין שווערע אומשטענדן.

ווי פארשטענדליך האבן מיר, די חבירים פונעם זיידן, געטוהן וואס נאר מעגליך לזכותו, סגולות, קבלות טובות וכו'. עס איז אבער אריבער זיבן יאר און דער אינגע אייניקל האט נאך אלץ געשמאכטעט אינעם פינסטערן תפיסה. בדרך הטבע וואלט ער נאך געדארפט זיצן נאך א היבשע פאר יאר ביז ער וועט ארויסגעלאזט ווערן אויף די פריי.



אין איינע פון די טעג האט מיין פאטער שליט"א געליינט און געהערט איבער די וואונדערליכע סגולה וואס לייזט אלע פראבלעמען און צרות, אויב מען איז זיך מקבל נישט צו רעדן ביים דאווענען אדער ביים ליינען די תורה. דעם קומענדיגן שב"ק האט מיין פאטער אויפגעטרעטן מיט א דרשה אין ביהמ"ד און מעורר געווען דעם ציבור איבער דעם נושא. ער האט געבעטן אז יעדער איינער באזונדער, זאל זיך מקבל זיין נישט צו רעדן ביים דאווענען און ליינען, און מען זאל ארויסזאגן אז מען טוט דאס לזכות פון דעם איד'ס אייניקל וואס זיצט נעבעך אין תפיסה. די ווערטער האבן געמאכט א רושם, און מוצש"ק זענען טאקע אלע צוגעקומען חתמ'נען אויף א שטר קבלה.

צוויי וואכן זענען אריבער און דער רוסישע געריכט האט פאר אן אומבאקאנטע סיבה באשלאסן איבערצוגיין דעם קעיס. ווי וואונדערליך עס הערט זאך איז די פסק געווען אז דער איד איז גענצליך פריי! אזא פאסירונג, בפרט אין רוסלאנד, איז למעלה מדרך הטבע און קעגן יעדע פארשטענדניש. נאך יענעם טאג איז ער שוין געווען אויפן וועג אהיים קיין ארץ ישראל.

עס איז זיכער אז אלעס איז געשעהן בזכות פון די קבלה אונזערע, נישט צו רעדן בשעת התפלה וקריאת התורה. און זינט דאן פארציילן פילע מתפללים איבער ישועות און רפואות וואס זיי האבן געזעהן אויך ביי זייערע פריוואטע לעבן.

מ. סגל בני ברק - (שתקתי ונושעתי)

## והסר שטן מלפנינו

דער סטראפקאוווער רב הרה"ק רבי אברהם שלום האלבערשטאם זצ"ל איז אין די צייטן פון די ערשטע וועלט קריג געפארן אויף שבת מברכים אלול צו הרה"ק מ'נאסאד זצ"ל. האט אים הרה"ק מ'נאסאד מכבד געווען מיט ר"ח בענטשן. דער סטראפקוב'ער רב האט געצווייפלט, זאגנדיג "איך בין דאך געקומען צו פארן אייך צו הערן", און ער האט זיך אויסגעדרייט צום ריסקעווער רב זצ"ל מיט די שאלה, דער ריסקעווער רב האט געזאגט "אין מסרבין לגדול".

אויפן וועג ארויף צום באלעמער, האט דער נאסאד'ער רב אים נאכגעשריגן: א דרשה!... האט דער סטראפקוב'ער רב זיך ווידער אויסגעדרייט צום ריסקעווער רב, און דער ריסקעווער רב האט ווידעראמאל געזאגט "אין מסרבין לגדול".

האט ער געזאגט א דרשה אזוי:

"ווען דער ס"מ מיט זיין פלונית לעבן אין גוטן, דאן מאכן זיי צרות פאר כלל ישראל און שטערן אידישע תפילות פון ארויפגיין. נאר ווען זיי זענען צוקריגט צווישן זיך, קענען אידישע תפילות ארויפגיין.

"ווען לעבט דער ס"מ אין גוטן מיט זיין פלונית? ווען די אידן רעדן אין בית המדרש ביים דאווענען! דאס איז מרומז אינעם מאמר חז"ל "השח בין תפלה לתפלה חוזר עליו מעורכי המלחמה", דער וואס שמועסט אין בית המדרש מאכט אז די בעלי מלחמה - ס"מ ופלונית - זאלן צוריקציען פון זייער מלחמה און שלום מאכן, און דורך דעם שטערן חלילה די אידישע תפילות פון ארויפגיין.

ווען מען זעהט וואס דער הייליגער קאזניצער מגיד זצ"ל שרייבט אינעם ספה"ק עבודת ישראל כאפט פשוט א פחד, ווי אזוי קען מען זיך ערלויבן צו רעדן בשעת'ן דאווענען ווען מען מאכט יענעם שאדן אז זיינע תפילות ווערן אויך נישט אנגענומען, זיצט א איד אין גרויסן ביהמ"ד וואו עס דאווענען הונדערטער אידן און מיט איין ווארט וואס ער רעדט ארויס ווערן אלע תפילות באזייטיגט, ממש א שרעק..

וזלה"ק בא"ד פרקי אבות, פרק ה' משנה ה': לכן צריך להזהר שלא לדבר בבית הכנסת שום דיבור קל חוץ מן התפילה, כי כשמדבר דברים בטלים דומה כמי שמדבר עם המלך והופך פניו ממנו ואומר אדוני המלך אי אפשי לדבר עמך רק אדבר חפצי ובזה הוי דוחק רגלי השכינה ח"ו. ואף שאר העם המתפללין בכוונה תפלתן, גם כן יוכל להיות שלא תקובל ח"ו תפלתם בעון האחרים, ומכל שכן בשעת חזרת הש"ץ ובשעת קריאת התורה שצריך לשמוע דברי הש"ץ.

## א טעראריסט אין ביהמ"ד

א איד האט אמאל געפרעגט פון הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל א שאלה: אין דער ביהמ"ד וואו ער דאווענעט, איז דא א מיטליעריגע איד וואס רעדט בשעת'ן דאווענען, און ער האט שוין מוחה געווען בדיבור עטליכע מאל, אויב ער דארף טאקע טון למעשה און יענעם געבן א מתנה יד ברבים, אז ער זאל זיך אפשטעלן פון שמועסן?... הגאון רבי שלמה זלמן, וואס איז ווי באקאנט געווען אן עדין הנפש און אן איידעלע כאראקטער, האט אים צוריק געפרעגט: "זאגט נאר, ווען עס וואלט ח"ו אריינגעקומען א טעראריסט אין ביהמ"ד, וואלסטו אויך געפרעגט דער זעלבע שאלה, אדער וואלסט נישט געטראכט קיין רגע און געטון כל מה שביכלתך זיך צו ראטעווען דאס לעבן.

"רעדן בשעת'ן דאווענען", האט דער פוסק הדור אויסגעפירט, "איז ווי א טעראריסט פאר'ן גאנצע ציבור ח"ו, ה' ישמרנו ויצילנו!"

ביי דער צאזנער רב זצוק"ל האט אמאל פאסירט אז ער האט אויסגערעדט נאך מ'האט שוין געהאט אנגעהויבן "הודו" און ער האט געפאסט אויף דעם דריי תעניתים...!

ס'איז זיכער א קבלה נכונה, זיך מקבל צו זיין נישט צו רעדן בשעת אמירת קרבנות און אודאי נישט בשעת מ'האט שוין אנגעהויבן "הודו", אזעלכע קבלות וועלן זיכער מעלה זיין אונזערע תפילות און מעלה זיין אונערע בקשות לרחמים ולרצון. (שלום וברכה)


פאר הערות אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים שיקט אן אימעיל צו: GilyonNakdishoch@gmail.com